STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01707

LEB-KINDER

M. Frankental

Permanent preservation of this book was made possible
by Lenore & Leon Segan
in memory of
Gertrude & Meyer Segan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. פראנקענטאל

לעב־קינדער

לאָדזש 1928
פארלאג / די טעאטער־וועלט

אַלע רעכט פאַרבלייבען באַ'ם שרייבער.

אויפפירען, איבערזעצען אָדער איבערדרוקען
אָהן אַ דערלויבעניש פונ'ם מחבר — איז פאַרווערט.

M. FRANKENTAL

DON JOUANI

Wydawnictwo:

Di Teater-Welt

Łódź, Południowa 32/4.

Tl. „Kultura". Łódź. Cegieln. 10.

רעב-קינדער.

קאָמעדי

אין איין אַקט.

פֿאַרשוינען:

מאַרקוס פימסענהאָלץ } לעב-קינדער
זישע טויבענקאָפּ }

פֿעליקס שפּרינגקאַץ — זייערס א חבר א ביליאַרד-שפּילער

די מאַסקע

אַרנאָלד קרופּ — פאַבריקאַנט

העלענע

דאָס זיסע מיידעל

קעלנער

אָרט — א גרעסערע שטאָט.

צייט — די יעצטיגע.

די בינע:

א קאווע=הויז. רעכטס און לינקס זענען צושטעלט טישלעך מיט ווייסע=מארמאָר=פלאטען, שטולען נעבען זיי. גלייך — צוויי טירען; איינע פירט אינ׳ם בופעט, די צווייטע אין דער ביליארד=שטוב אריין. (ארויפצוגייען אויף טרעפּען, באלייגט מיט א פערסישען טעפּיך, פארהאָנגען מיט א פּאָרטיער.) צווישען זיי — א טיש מיט שטולען. פון ביידע זייטען — פענצטער אויף דער גאס ארויס אויף די ווענט: שפּיגלען. אין דערמיט שטיב — אנ׳עלעקטרישער לאָמפּ. מיט קאָלירטע אבאזשורען.

באגינען. אין דרויסען גרויעט שוין דער טאָג. גלייך — בא אנ׳עלעגאנט-סערווירטען=טיש זיצען: מארקוס, די מאסקע, זישע — אלע דריי אין האלב-שכורליכע פּאָזען. אונטערן טיש וואלגערן זיך פלעשער און צובראָכענע גלעזער. — איידער דער פורהאנג ווערט אויפגעצויגען הערט מען זינגען א רוסיש=אוקראיניש ליד. די מאסקע זינגט סאָלאָ און ביידע מענער העלפען איר אונטער, צולעצט אפּלאָדירען זיי שטורמיש. קורצע פּויזע. — מארקוס גיסט אָן אויפ׳סניי די גלעזער און זיי הייבען אָן ווייטער טרינקען.

ערשטע סצענע

מאַרקוס — די מאַסקע — זישע.

מאַרקוס:

מיט אַ קוויטש. לחיים!

זישע:

הייזעריג. לאָ׳מיר געזונט זיין! —

די מאַסקע:

פּלאָנטערט מיט די צונג. לחיי... טוב... ולש... *ענדיגט נישט.*

אַלע:

לאַכען.

מאַרקוס:

מיט אַ ברייטען זשעסט. ווי לאַנג דו ביזט יונג, ס׳לעבען זעהט־אויס שיין, אָנציהענד: נוץ אויס די צייט. די מינוט וואָס פאַרשווינט, קומט שוין נישט צוריק...

זישע:

מאַכט איס נאָך. ווי לאַנג ד׳לעבסט און **ציהסט** דעם אָטעם איז רייב ברידער: קעהר איבער אַ וועלט און לעב אַ גוטען טאָג. *לאַכט.*

די מאַסקע:

מיט אַ קוויטש, לחיים!

זישע:

אויפגעלעבט. לאָ׳מיר נישט וויסען פון קיין צער! —

די מאַסקע:

וויל אויסטרינקען, וואַרפט ס׳גלאָז אויף דר׳ערד, עס צוברעכט זיך אויף פיצלעך.

אלע:

לאַכען.

מאַרקוס:

גלייכגילטיג. ברידער זי איז בגלופין.

פויזע.

מאַרקוס:

רוקט זיך-צו צו איר גאַנץ נאָענט, שפּור׳לעך. דו ליבסט מיך?

זישע:

כאַפּט אונטער. און מיך..?

די מאַסקע:

רוהיג. כ׳קען אייך ביידע נישט אָנקוקען.

אלע:

לאַכען.

מאַרקוס:

מיט פייערליך אין ד׳אויגען. וואַרף אַריין אַ קוש —

זישע:

שפּרינגט אונטער, פון דער צווייטער זייט. און וואָס אין מיין נשמה אַ ראָזשינקע.

די מאַסקע:

שעלמיש. נאַ דיר — און דו זאָג נישט אַז כ׳בין אַ שלעכטע. *קושט אַמאָל דעם און באַלד ווידער דעם צווייטען, זיי שטיפען און לאַכען. מאַרקוס און זישע קוקען אויף איר מיט תאוה-בליקען.*

מאַרקוס:

נאָך אַ ווײַלע. געב אַרויף די שציערקע.

זישע:

פאַרווּנדערט. האָסט דען קעש?

מאַרקוס:

איראָניש. שוה כסף טויג נישט..?

זישע:

האַלב אויפ׳ן אויער. אפשר וועט זי טאָקען באַש...

מאַרקוס:

ענטפערט. רעד מיט איר.

זישע:

רעדט עפּעס אין דער שטיל מיט די מאַסקע.

די מאַסקע:

רופט אויס. יאָלדען... איר האָט נישט צו באַצאָלען, איז אַ חרפּה? כ׳האָב ליב אַרויסצוהעלפען אַ גוטען ברודער... נאָר נישט קיין וויטשטאָק... די פריי זאָל מיר אַזוי דינען,

אַלע:

לאַכען.

מאַרקוס:

פאַרלייגט אַ פוס אויף א פוס, קלאַפּט לײַכט מיט׳ן פינגער

קעלנער כ׳צאַל! —

זישע:

אויפגערעגט ער קומט נישט? פייף איך אים אָן אַ וואַלס! כ'ווער אַ האָז. שטייט אויף.

די מאַסקע:

קאָקעטיש צו מאַרקוס'ן, וואָס איז געבליבן זיצען. און איר? בלייבט דאָ.

מאַרקוס:

קאַלט. יאָ. כ'בין שטאַרק מיד... כ'מוז מיך אויסרוהען.

די מאַסקע:

שעלמיש. אפשר וועט איר אייך לאָזען אָנרעדען —

מאַרקוס:

ענטפערט נישט.

די מאַסקע:

אַדיע!

מאַרקוס:

צום ווידערשפעניגען.

זישע:

פירט אַרויס די מאַסקע געאַרעמט.

פעליקס:

קומט אַריין.

צווייטע סצענע

מאַרקוס — פעליקס — שפעטער זישע.

פעליקס:

אַריינקומענדיג. גוט יאָר.

מאַרקוס:

אפּארט. קיין שום שלעכטס זאָל נישט-זיין אויף ד׳וועלט און — דו נישט. גייט אים אקעגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט. וואָס מאַכסטו עפּעס גוטער ברידער? וואו ביזטו געוועזען אין די גרויסע פרעסט..? ערנסט. כ׳האָב דיך שוין נישט געזעהען, אַ שאָק מיט יאָרען. כ׳האָב גערעכענט, אַז דו ביזט ערגיץ-וואו איינגעפרוירען געוואָרען.

פעליקס:

קוקט אויף אים מיט שעלמישע בליקען, איראָניש. דו ווייסט, אַז כ׳בין דיר נישט קיין שונא: וואָס כ׳וויל זעהען באַ דיר, זאָל׳ך טאָפּעלט באַ מיר זעהען — באַ דיר איין פוס, באַ מיר צוויי... לאַכט ציניש.

זישע:

קומט אַריין, ער האָט געהערט די לעצטע ווערטער.

זישע:

מישט זיך אַריין. דו ווייסט כאָטש, ער שטאַמט פון גרויסען יחוס: זיין פאָטער, האָט אין אַ נאָענט שטעטעל, געעפעֿנט — אַ באַנק (מיט אַ וויטריך); דער ברודער זיינער, איז — אַ פאָטאָגראַפיסט (נעמט אַראָב פון דיביידעם) פאַר אים איז „אָפען״ יעדע טיר און מיט זיין אָנקומען „קלינגט״ (פון די קייטען) די שטאָט; אַ צווייטער ברידער, איז — אַ לייכטער פאַרדינער (ר׳שלעפּט פון די טאַשען) שטענדיג איז ער אויסגעפוצט, די יונגע ווייבלעך און מיידלעך, שטאַרבען פאַר זיין קוק — ער לעבט פון זיי...

פעליקס:

(צופרידען.) ביזט אַ יונג מיט אַ מעטריקע — כ'האַלט פון דיר. (קלאַפּט אים אויף די פּלייצעס.) דו וועסט אַמאָל מיר צונוץ קומען. (לאַכט ציניש.)

מאַרקוס:

(גלייכציטיג.) טאָק ס'פּינעפּטעל.

פעליקס:

(ביז.) כ'האָב אויף דיר שוין לאַנג אַנ'אויג.

פ וי ז ע.

פעליקס:

(מיט אַ געלעכטער.) ווי האָט איך נעכטען געפאָלען די רייף, וואָס כ'האָב פאַרוואָרפען —

זישע:

דאָס כח איז גוט געווען.

מאַרקוס:

(קאַלט.) ווי אַזוי איז'ס געשעהען.

פעליקס:

(נאָך אַ ווײַלע.) כ'דריי מיך אַרום אין זאַל, אָהן אַ שטאָך אַרבעט, כ'געב אַ קוק: מ'לאַווירט אַ מאַסקע, חברה תרתּרים לויפען איר נאָך, באַלד ווערט זי אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען — ס'הילכט אַ געלעכטער, דער עולם ווײַלט זיך, די מוזיק שפּילט — מיט אַמאָל דערהערט מען אַ קנאַק, צמיצער האָט עפּעס דערלויבט זיך אַקעגען איר און זי האָט אים דערלאַנגט אין פּנים — דער עולם לאַכט, ער

שטייט אַ פאַרשעמטער מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, זי גייט אַוועק אין אַ מאַיעסטעטישע פּאָזע, אַלע קוקען אויף איר מיט התפעלות...

מארקוס:

כ׳האָב ליב אַזאַ נקבה!

זישע:

דאָס איז אָש! שוס־פּולווער!

פעליקס:

(צי פריהער.) שפּעטער האָב איך מיר פאַרדינט דאָס משא מתן, כ׳האָב דערקענט גאָר ווער זי איז: כ׳האָב באַלד איר פאַרטרויט דעם סוד אַז טאָמער מאַכט זי גרויסע אָנשטעלען וועל׳ך אויסשחור׳ען זי פאַר אַלע, מיינע איז געוואָרען אָנגעצויגען: כ׳האָב מיך אַריינגעלאָזט מיט איר אין טיפע דרכים; מיר האָבעןביידע לוסטיג פאַרבּרענגט די צייט — און געוויקעלט ביז׳ן גרויען טאָג אַריין — — —

זישע:

און ווער איז זי געווען?

פעליקס:

דאָס בלייבט אַ סוד.

ש ו ו י י ג ע ן.

פעליקס:

(צו מארקוס.) ווער איז די קראַפט געווען — אודאי דיין כלה?

מאַרקוס:

וועלכע —

פעליקס:

דו האָסט דיך מיט איינע אַרומגעבלאָנקעט כמעט די גאַנצע נאַכט, צולעצט: געזעסען מיט איר קוצעניו מוצעניו אין ווינקעל.

מאַרקוס:

איראָניש. דו האָסט אַ טעות געהאַט. כ׳האָב כסדר זיי געביטען... איינע האָט מיר דערעסען זיך, האָב איך זי באַלד אויסגעטוישט אויף אַ צווייטע... כ׳פיר מיך שטענדיג אַזוי. —

זישע:

רעדט ווי אין דער וועלט אריין. אַ גרויסער יריד... אַ סך לוסטיגע ווייבער שמייכלען דיר אַקעגען: פאַרפירערישע אייגעלעך, דעקאָלטירטע לייבער, שיינע געטאָקטע פיס... מוזיק, גראַציע, באַוועגונג... אַלץ איז פול מיט לעבען... דאָס פרישע צאַפּלדיגע לעבען...

מאַרקוס:

מיט גרויסקייט. מיר האָבען פאַרברענגט אַ פריילעכע נאַכט: ערשט באַגינען, ווען אין דרויסען איז שוין גרויער-טאָג געווען, זענען מיר אַהיימגעקומען.

פעליקס:

סארקאַסטיש. אייערע קינדער זאָלען עס באַכטוען.

גייט ארויס.

דריטע סצענע

מאַרקוס—זישע—אַרנאָלד—העלענע שפּעטער קעלנער.

אַרנאָלד:

פון אונטער די קוליסען. כע—כע! קום, מיר וועלען איבערכאַפּען עפּעס אין׳ם מויל אַריין און פאָהרען צו דער באַהן. קומט אריין מיט העלענע. דערזעהט מארקוס׳ן און זישע׳ן קוקט אויף זיי א ווײלע, זעצען זיך בײַ א טישעל לינקס — פּונקט אקעגען איבער זייערס — זיצען און שווייגען. קורצע פּויזע.

אַרנאָלד:

רופט. קעלנער! יענער קומט שנעל אריין.

קעלנער:

אריינקומענדיג. כ׳שטיי צו דינסט.

אַרנאָלד:

זאָגט אים עפּעס אין דער שטיל, יענער הערט אונטערטעניג, ווײל ארויסגייען.

קעלנער:

מיט געשיקטקייט. שוין ברענג איך. גייט צו דער טיר.

אַרנאָלד:

שרייט אים נאָך. פאַרגעסט נישט, וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט. אויב נישט, קענען מיר נאָך דעם צוג פאַרשפּעטיגען.

קעלנער:

שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. גוט. לויפט ארויס.

מאַרקוס:

אָן א זייט, צו זישע׳ן. וואָס זאָגסטו צו דעם נומער. ווי געפעלט זי דיר?

זישע:

באקוקט זי. נישקשה, נישט קיין מיאוס מיידעל —

מאַרקוס:

פֿאַריכט אים. מ׳שמועסט, אַ גאַנץ שיינע.

זישע:

מיט ליצנות. כ׳זעה, זי האָט דיך „אָנגעצויגען״ ווי אַ זייגער — און דו ווילסט אודאי מיט איר באַקענען זיך..

מאַרקוס:

נישט אָרפֿנעמענדיג פֿון איר אַנ׳אויג. כ׳זאָג מיך נישט אָב דערפֿון. זי זעהט־אויס: אַ שטרענגע, אַנ׳אָבגעזונדערטע, פֿאַרשלאָסען אין זיך — זי וועט נישט שליסען באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ פֿרעמדען מאַנספֿאַרשוין.

זישע:

און דו ווערסט נתפעל דערפֿון —

מאַרקוס:

מיט גרויסקייט. כ׳האָב שוין אין מיין לעבען, גרעסערע פֿעסטונגען איינגענומען און וועל בלייבען דאָ דער זיגער. שטייט אויף. כ׳קען גוט דעם „שיינעם מין״ — און ווייס, ווי מיט־זיי צו באַגייען! לאַכט ציניש.

קעלנער:

קומט אַריין, טראָגט אַריין די באַשטעלטע זאַכען, צושטעלט זיי אויפ׳ן טיש, גייט שטיל אָב.

ביידע:

עסען און טרינקען.

פּויזע.

מאַרקוס:

מאכט צורעכט די טואלע׳ע, גייט צו צום צווייטען טישעל, פארנייגט זיך טיף. זייט מיר מוחל, מיין הער...

אַרנאָלד:

עסענדיג. ס׳מאַכט נישט אויס.

מאַרקוס:

עלעגאנט. מיר זענען באַקאַנט.

אַרנאָלד:

שטעלט אָן א פּאָר גרויסע אויגען. פון וואַנען?..

מאַרקוס:

מיר האָבען לעצטענס מיטגעמאַכט אַ נסיעה. *נאָך א ווײַלע.* זיצענדיג אין איין קופּע, זענען מיר געווען קאַלט איינער צום צווייטען: אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ביסלעכווייז האָט פאַרבונדען זיך אַ שמועס צווישען אונז — מיר זענען באַקאַנט געוואָרען. *אויפגעלעבט* שפּעטער האָבען מיר גוט פאַרברענגט די צייט, פריילּיך און גאָר אפילו נישט באַמערקט ווי די שעה׳ן לויפען שנעל אַוועק... איידער וואָס-ווען, האָבען מיר געדאַרפט שוין נעמען די זאַכען. *לאכט.*

אַרנאָלד:

מיט ליכטיגע אויגען. כ׳דערמאַן מיך. דאָס איז געווען ווען כ׳בין צוריקגעפאָהרען פון אויסלאַנד, האָבען מיר געטראָפען זיך. *קוקט אויף אים.* גערעכט. כ׳האָב אייך נישט דערקענט. *דערמאנט זיך.* איר האָט מיר דאַמאָלס געטוען אַ שטיקעל טובה: געהאָלפען אַרויסנעמען די זאַכען פון

וואַגאָן. כ׳האָב אייך געוואָלט דאַנקען, זענט איר שוין נישט געווען. כ׳געדענק עס גאַנץ גוט. שפּרינגט אויף. כ׳בעט, זיצט. רוקט אים אונטער אַ שטול.

מאַרקוס:

מיט אַ ברייטען זשעסט. באַמיהט אייך נישט. כ׳בין אין געזעלשאַפט.

אַרנאָלד:

קוקט פאַרווינדערט אויף אים.

זישע:

אַפּאַרט. אָ, ר׳נעמט דעם אַלטען תרח אויפ׳ן גאַנצען זיכער —

אַרנאָלד:

דרייט זיך אַרום אים. כ׳האָב פאַרגעסען — ס׳איז מיר ווי אַרויסגעפלויגען פון קאָפּ אַרויס. דאַכט זיך... איר הייסט... רופט אויס. כ׳קען מיך נישט דערמאַנען אייער נאָמען.

מאַרקוס:

קומט אַריין אין די ראָל אַך, מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען. מיט אַ באַוועגונג. כ׳שטעל מיך פאָר פאַר אייך: גראַף פון פּאָמפּאַדור; ווייזט אויף זישע׳ן. מיין חבר, באַראָן פון ווינזעל-טיר. ביידע פאַרנייגען זיך פאַר אים עלעגאַנט.

זישע:

אַפּאַרט. אָ, די באָמבע האָט אויפגעריסען. לאַכט ציניש.

אַרנאָלד:

קוקט אויף זיי. כ׳האָב גאָרנישט געוויסט, אַז כ׳האָב באַר זיך אַזעלכע צוויי גרויסע לייט ......

זישע:

אפּאַרט. כ'וויס נאָך נישט, צי מיר זענען־עס...

נעמט אָן אַנ'ערענסטע מינע, מאַרקוס האָט אויף אים געוואָרפען אַ בליק,

ער קוקט אויף אַרנאָלד'ן

אַרנאָלד:

גייט צו. מיין נאָמען איז — אַרנאָלד קרופּ. פאַבריקאַנט

און גרויס־אינדיסטריעלער. דערלאַנגט זיי די האַנט בײדע דריקען

זי פריינטליך, אַלע דריי רעדען עפּעס אין דער שטיל, קורצע פּויזע.

אַרנאָלד:

דערזעהט העלענע'ן שטייען אָן אַ זייט, פאַרכאַפּט זיך. כ'האָב

אייך נאָך נישט פאָרגעשטעלט. באַקענט אייך. — העכער. מיין

טאָכטער העלענע — גראַף פון פּאָמפּאַדור; באַראָן פון

וויזעלטיר — העלענע קרופּ.

אַלע:

פאָרגעשטעלטע, געבען די הענט איינער דעם צווייטען.

זישע:

צו העלענע'ן. כ'האָב אייך באַקענט, ס'פרייט מיך —

העלענע:

שעפּטשעט. און מיך אויך.

אַרנאָלד:

אין אַ צווייטען ווינקעל. צו מאַרקוס'ן. איר זענט גערעכט,

ה' גראַף, דער וואָס לעבט נישט אויף די וועלט — האָט

פון יענער וועלט אודאי גאָרנישט צו דערוואַרטען...

בײדע לאַכען הארציג.

מאַרקוס:

צו העלענע'ן. כ'האָב אייך געזעהען אויף אַ באַל.

העלענע:

מיט א געלעכטער. **אפשר —**

מאַרקוס:

און געטאַנצט מיט אייך...

העלענע:

דאָס זיכער נישט.

אַרנאָלד:

פייערליך מיין השוב׳ע געזעלשאַפט, כ׳בעט פאַרנעמען די ערטער באַ׳ם טיש: ווע‏לען מיר אַביסעל פאַרבריינגען צווישען זיך.

אלע:

גייען צום טיש, העלענע זיצט נעבען מארקוס׳ן און זישע׳ן, ארנאָלד פון אויבען אָן.

אַרנאָלד:

רופט. **קעלנער!**

יענער קומט שנעל אריין.

אַרנאָלד:

צו אים. **גיט אַריין, שאַמפּאַניער.**

קעלנער:

גוט. — גייט א וועג.

אַרנאָלד:

ליבליך. **אויב איר וועט דערלויבען, וועל איך עפּעס אייך דערציילען.**

זישע:

אדרבה.

העלענע:

מיט אַ ברייטען זשעסט. מיר הערען.

אַרנאָלד:

נאָך אַ ווײַלע מיר זיצען אין וואַגאָן קומט אַריין אַ יודענע, גיט אַ פּליעסק מיט די הענט, אויסרופענדיג: מאַכט נאָך. „ווי גרויס זענען גאָט׳ס ווינדער! ס׳איז דאָך אַ מלכות׳דיגע דירה: מ׳קען דאָ וואָינען, מאַכען שמחות, חתונות און ברית׳ן... אָוואַ! פּש!" — די יודענע קען זאַט נישט אָנקוקען זיך, שטייט און קוקט אויף אַלע מיט התפּעלות און אירע ליפּען שעפּטשען עפּעס אין דער שטיל. פּלוצלינג שרייט זי אויס ווי נישט מיט איר קול: קרימט נאָך. „אוי, ר׳ועט דאָך מיר נאָך אַ מעשה אָנטוען! די קישקעס טאַנצען אַזש אין מיר, פון זיין שאָקעלניש! יודען, זאָל ער אָבשטעלען דעם פּייפער, וואָרום כ׳האַלט שוין מער נישט אויס"! — אַלע לאַכען, קאַטשען זיך אויף די בענק און מיין יודענע אַנטלויפט בייז... לאַכט.

מאַרקוס:

טי ט זיך פאַר געלעכטער. מיר זענען שפּעטער געוואָיר געוואָרען, איז זי ס׳ערשטע מאָל געפאָהרען אויף דער באַהן. מאַכט נאָך. „יודען, זאָל ער אָבשטעלען דעם פּייפער, וואָרום כ׳האַלט שוין מער נישט אויס"! לאַכט.

אַלע:

לאַכען.

קעלנער:

קומט אריין מיט פלעשער און גלעזער, צושטעלט זיי אויפ'ן טיש
גייט שטיל אב.

אַרנאָלד:

גיסט אָן די גלעזער כ'בעט, טרינקט —

זישע:

שטייט אויף. פאַר אונזער געזונט.

אַלע:

ענטפערען. לחיים.

העלענע:

הייבט אויף א גלאָז. פאַר אונזער וואָיל-זיין.

אַלע:

ענטפערען לחיים.

מאַרקוס:

הייבט אויף אַ גלאָז. פאַר'ן געזונט, פון אייער שיינער
טאָכטער —

אַרנאָלד:

אין התלהבות. בראַוואָ! גוט געזאָגט! —

אַלע:

טרינקען.

מאַרקוס:

צו זישע'ן. די באַנק האָט מיר היינט נישט אויס-
געצאָלט אַ טשעק און כ'דאַרף נאָך קויפען פאַרשידענע
זאַכען פאַר'ן אַוועקפאָהרען... כ'בין פאַרשטעקט מיט געלט...
דערשלאָגען. כ'וועל מוזען דאָ נעכטיגען, כאָטש כ'בין יעצט

טעלעגראַפיש אַרויסגערופען געוואָרען פון דאַנען. נעמט אַרויס אַ פּאַק פּאַפּירען.

אַרנאָלד:

צופרידען. כ'וועל מיך יעצט רעוואַנזשירען פאַר אייער אַמאָליגער טובה. לאַפט אַרויס דעם טיסטער, לייגט אים צוריק אויפ'ן טיש. כ'קען אייך באָרגען, ה' גראַף, וויפיל איר ווילט נאָר אַליין. אפילו מיין גאַנצען פּאָרטפעל — איר וועט נישט אַנטלויפען מיט מיין געלט... מ'האָט נאָך מיר נישט צוגענומען אין מיין לעבען, וואָס אַ צובראָכענער טשוואָק איז ווערט. צוגעבענדיג. מ'דערקענט ווער ס'איז אַ כאַפּער און ווער נישט: ס'פּנים מסר'ט אָב דעם מענטש. לאַכט

מאַרקוס:

מאַכט אַ זשעסט פון נישט-צופרידענקייט.

אַרנאָלד:

האָט עס באַמערקט. כ'ווייס עס. ס'טרעפט, אַז כ'בין אין דער פרעמד און מיר פאַרפעהלט צולעצט גאָר אויף הוצאות: כ'מוז אויפזוכען מיינס אַ באַקאַנטען און מיר העלפען ווי כ'קען. איראָניש אין מסחר טרעפט עס פאַרשידען. אַ סוחר מוז צוגעגרייט-זיין צו אַלץ. לייבליך. איר דאַרפט אייך נישט זשענירען פאַר מיר... וויפיל זאָל איך אייך געבען? ווארט אויף תשובה.

זישע

אַז אַ זייט. נעם וואָס מער. דער אַלטער איז אָנגעצויגען —

מאַרקוס:

פלוצלינג. דאָ האָט איר מיין וויזיט קאַרט. גיט מיר פונט שטערלינג: כ'וועל די טעג זיי אייך צוריקשיקען מיט דאַנק. לאָזט מיר איבער אייער אַדרעס.

אַרנאָלד:

קוקט אויף אים פארווינדערט.

מאַרקוס:

מיט שעלמישע אויגען. דאַכט-זיך, אַז כ'בין קוראַנט אויף אַזאַ סומע. כ'וועל זי אייך נישט באַנקראָטירען: זי איז פשוט צו קליין פאַר מיר. — בארימעריש. מ'קען מיך איבעראַל, פאַר דעם גרויסען רעיעלען מענטש. מאַיאָנטקעס טרויען מיר מענטשען אויפ'ן וואָרט. מיינע הייזער, שלעסער, האָב איך אין יעדע שטאָט. מיינע גיטער און וועלדער, ציהען זיך אויף מייל[ע]ן. אויפגערעגט. איר האָט מיך באַליידיגט, ה' קרופ. שטייט אויף.

העלענע:

לאַכענדיג. צו-וואָס האָט איר אייך אויפגערעגט, ה' גראַף? מיין פאָטער שטופט אייך ס'געלט אין האַנט אַריין און איר ווילט עס נישט נעמען.. טוט צוליב אים. קוקט אויף אים מיט מילדע אויגען.

אַרנאָלד:

צופרידען. אָט, האָט איר עס. איר דאַרפט אייך נישט איילען מיט'ן אָבשיקען עס, ס'קען זיין מיר וועלען פריהער. נאָך טרעפען איינער דעם צווייטען. וו מיינט איר, ה' גראַף?.. פאָטערליך. אפשר וועט איר אַמאָל פאַרבלאָנדזשען,

צו גאַסט צו אונז? ס'קען אַלץ מעגליך זיין! לאַכענדיג. איר זענט דאָך שוין יעצט אונזער פריינט, ה' גראַף... כ'פאַרבעט אייך, אַהיים צו מיר. פאַרנייגט זיך טיף.

מאַרקוס:

עלעגאַנט. כ'וועל שטענדיג אייך געדענקען.

אַלע:

טרינקען.

מאַרקוס:

שטייט אויף. כ'בין נישט קיין ליבהאָבער פון שטאַרקע געטרענקער און מוז מיך אָבזאָגען ווייטער צו טרינקען.

העלענע:

און איך אויך — שטייט אויף.

ביידע:

רעדען עפּעס אין דער שטיל.

אַרנאָלד:

אָן א זייט, צו זישע'ן. ס'קען זיין, אַז מיר שטערען גראָד עמיצען. אפשר, ווילען זיי יעצט עפּעס רעדען צווישען זיך... קומט, ווע'לען מיר איבערלאָזען זיי אַליין.

ביידע שטייען־אויף, גייען צו דער טיר.

זישע:

לאָזט אַרויס אים דער ערשטער. איר שפּילט אודאי שאַך, ה' קרופּ. מיר מאַכען אַ פּאַרטי.

ביידע:

הויך־רעדענדיג אָב, אין דער ביליאַרד־שטוב.

פּויזע.

פערטע סצענע

מאַרקוס העלענע.

מאַרקוס:

פארחלומ׳ט. אָ, ווי גליקליך... בין איך... וואָס מיר זענען... אַליין...

העלענע:

...?

מאַרקוס:

רעדט ווייטער. מיר זענען יעצט... אונטער פיר אויגען... און מ׳קען רעדען... נישט געשטערט... איינער מיט׳ן צווייטען...

העלענע:

אביסעל צומישט. איר האָט מיר עפּעס צוזאָגען, ה׳ גראַף?

מאַרקוס:

שווייגט.

מאַרקוס:

נאָך אַ ווײלע. וואָס פאַר אַ שיין וועטער איז היינט אין דרויסען —

העלענע:

טאַקע?

מאַרקוס:

ס׳איז אַ העלער זון-טאָג.

העלענע:

פארשעמט. יאָ.

מאַרקוס:

גייט האסטיג צו נאָענט צו איר, שטיל. איר געפעלט מיר...

העלענע:

גאָיוו. אַזוי גאָר.

מאַרקוס:

זעהר שטאַרק...

העלענע:

לאַכענדיג. באמת.

ש ו יי ג ע ן.

מאַרקוס:

מיט אמאָל. כ'בין פאַרליבט — אָהן אייך. ווען כ'זעה אייך, איז פאַר מיר יעדע מינוט — אַ שעה; יעדע רגע — אַנ'אייביגקייט... כ'שטאַרב דאָ פאַר — לאַנגוויילינקייט.

לאָזט אראָב זיין בליק אויף דר'ערד, בלייבט שטייען ווי א פארשולדיגטער.

העלענע:

האָט נישט גוט דערהערט, נעמט אָן א פּאָזע. צי האָב איך געמאַכט אויף אייך אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, אַז איר האָט'ס געמוזט מיר אָפען אַרויסזאָגען. לאַכט היסטריש.

מאַרקוס:

געבראָכען. איר גלויבט נישט דערין. דאָך איז'ס אַ פאַקט —

העלענע:

יאָ. אָבער...

מאַרקוס:

!?..

העלענע:

שטאַמעלט. כ'קען אייך נאָך יעצט דערוויייל, אַ קלאָרען ענטפער נישט געבען. מיט אמאָל. כ'מוז מיט מיין פאָטער צוערשט רעדען דערוועגען, הערען וואָס ר'זאָגט דערצו: שפּעטער וועט איר בעטען מיין האַנט באַ אים.

מאַרקוס:

שטיל. ר'וועט אָבער נישט נעמען צוויי פאַרליבטע נשמות און זיי צושיידען אויף אייביג — —

העלענע:

גאַנץ שטיל. כ'מיין אייך אַזוי.

מאַרקוס:

מיט פייערליך אין ד'אויגע איר וועט מיך ליבען און איך וועל פאַרגעטערען אייך... מיר וועלעןביידע חתונה האָבען און זיין גליקליך...

העלענע:

לאַכענדיג. מן הסתם, וועט עס אַזוי זיין ווי איר זאָגט.

מאַרקוס:

מיט געמאַכטען פּאַטאָס כ'בין פול מיט פרייד. מיר איז יעצט אַזוי גוט, אַז כ'וואָלט אַלע מענטשען אַרומגענומען מיט מיינע קורצע הענט און שטאַרק געדריקט צו מיין ברוסט. העכער. כ'בין פול מיט גליק — — און מיר ווילט זיך יובעלען, שרייען, טאַנצען פאַר פרייד... כאַפּט זי אַרום טאַנצט מיט איר אין אַ שנעלען קאַראַהאָד. נאָך אַ ווײַלע שטעלט ער זי אָב, ביידע לאַכען הויך אויפ'ן קול.

פּויזע.

העלענע:

מיט ליכטיגע אויגען. כ׳מאַך דיר אַ סיורפריז.

מאַרקוס:

שעלמיש. צום ביישפיל —

העלענע:

מיט א פארכאפטען אָטעם. די קריגסט דעם ערשטען קוש פון מיר און ווייס ווי שטאַרק כ׳קען ליבען... כ׳בין דיינע —, געגעהן צו מיר... האָב מיך ליב —— גיט אים א לייכטען קוש אויפ׳ן שטערען.

מאַרקוס:

מיט פאַרמאַכטע אויגען. כ׳דאַנק דיר, מיין ליבסטע.

דריקט זי פעסט צו זיך, אומארמונג, קורצע פויזע. —

זישע:

קומט אריין.

פינעפטע סצענע

די פריהעריגע — זישע.

זישע:

מעלדט. ה׳ גראַף, מ׳וואַרט אויף אייך אין דער צווייטער שטיב. דער ה׳ קרופ, וויל רעדען מיט אייך, וועגען אַ וויכטיגען ענין.

מאַרקוס:

מיט געשיקטקייט. אָט, בין איך שוין נישטאָ.

פארנייגט זיך פאר איר טיף, ווארפט-צו א פאר לופט-קוש פון דערווייטען, אָב.

גרויסע פויזע.

זעקסטע סצענע

העלענע — זישע.

זישע:

לויפט איבער דער שטיב, שטאַרק אויפגערעגט. אָך, פלאַמען־פייער זאָלען אַראָבנידערען פון הימעל, אַרומכאַפּען אַלע באַשעפענישען פון דער ערד, זיי פאַרברענען און איבער־קעהרען אין אַ שטיק שוואַרצע קויל. איין טריי באַשעפעניש איז נישטאָ צווישען זיי, אַלץ איז פאַרשטעלט, פאַלש? דיין בעסטער גוטער פריינט איז דיין שרעקליכסטער שונא... אָ, כ׳קען זיי גוט די פאַרשאָלטענע מענטשען! די צוויי־זייטיגע בריאום! —

העלענע:

פאַרווינדערט. אויף וואָס זאָגט איר עס, ה׳ באַראָן:.. אויף וועמען זענט איר, אין כעס?!..

זישע:

אויף גאָרנישט און אַלץ. אויף קיינעם נישט און אַלע. קומט אריין אין די ראָל. שטעלט אייך פויר, כ׳האָב געהאַט אַ גוטען־פריינט: איבעראַל פאַרברענגט מיט אים, תמיד זענען מיר ביידע געגאַנגען — אפילו די קאָלדרע פון בעט געטיילט־זיך מיט אים און געשלאָפען צוזאַמען... צולעצט האָט ער גאָר מיך באַשווינדעלט. בלייבט שטייען מיט אַנ׳אָראָבגעלאָזטען קאָפּ, קוקט פאַרטרויליך איר אין ד׳אויגען אריין.

העלענע:

ווי פריהער. וועגען וועמען רעדט איר, ה׳ באַראָן.

זישע:

מיט אַמאָל דעם גראַף — מיין איך. מיט טרערען אין ד׳אויגען.
כ׳האָב געהאַט אַ מיידעל, „זי" איז געווען מיין איינציגע ליכט פון דער ערד, מיר ביידע זענען געווען פאַרליבט — — האָט ער גאָר זי אויסגעכאַפּט און געוואָרען איר חתן...

העלענע:

שנעל ווער איז ס׳מעדעל, ה׳ באַראָן? דאָס אינטערעסירט גראָד מיך זעהר שטאַרק צו־וויכען.

זישע:

פאַלט אויף די קני. דאָס ביזט דו, מיין טייערע! דו! דו!

העלענע:

אויפגערעגט. ווי שעמט איר אייך נישט דאָס צו זאָגען, אָפען און פריי פאַר אַלע, אַז מיר ביידע האָבען געפירט אַ ליבע — אין דער צייט, ווען מיר קענען נאָך נמעט נישט איינער דעם צווייטען, ערשט דאָ באַקאַנט געוואָרען...

זישע:

כ׳וועל דיר זאָגען דעם אמת. — נאָך אַ ווײַלע. כ׳האָב שוין אַ לענגערע צייט דיך געליבט, שטענדיג געזוכט צו טרעפען: כ׳זאָל קענען דיר מיין סוד פאַרטרויען, נאָר — ס׳איז אלץ נישט געקומען דערצו... העכער. יעצט, איז אָנגעקומען די לאַנג־דערוואַרטע מינוט, די גליקליכע שעה — — ווען כ׳בין מיט דיר אַליין... שטער. האָט אָבער מיין חבר, דער ה׳ גראַף, דאָס באַציייטענס פאַרזעהען: אויסגענוצט

עס פאַר זיין טובה וועגען... שטעלט אָן זיין בליק אויף איר, פארשעמט. וואָס קומט אים — דערפאַר? זאָגט, אדרבה! ציטערט אַזש איבער גאַנצן פּאר פּעס. דאָס איז אַ געמיינער יונג, אַ לאַבסערדאַק, נישט אַ גראַף! —

הועלענ:

שלאָגט אים איבער. איר זידעלט דאָך, ווי אַ מאַרק־יודענע —

זישע:

פאַרדאָן. ס'איז נישט מיין געוויינליכע שפּראַך. אָן א זייט. כ'האָב דאָ געקענט יעצט, מיין באַראָנען־טיטעל פאַרלירען... העכער. ליב פרייליין, כ'האָב נישט געמיינט צו באַליידיגען אייך מיט מיינע ווערטער, אָדער דעם גראַף! כ'האָב ביידע נישט געמיינט! —

העלענע:

רוהיג כ'זעה, איר זענט אַנ'אויפגערעגטער מענטש, ה' באַראָן: ס'מינדסטע קלייניגקייט קען אייך דערצערנען און אַרויסברענגען פון געדולד — לאָ'מיר דאַריבער בייטען דאָס טעמאַ, אָנהייבען רעדען וועגען עפּעס אַנדערש...

זישע:

געבראָכען. איר זאָגט אָב מיר אין מיין פאַרלאַנג. איר שטויסט מיך פון־זיך אַוועק... ווי פאַר זיך. גוט, כ'וועל שוין וויסען, וואָס צוטוען! כ'וועל מאַכען אַנ'עק, צו מיין ביטער לעבען און — גענוג! גייט צו דער טיר.

העלענע:

דערשראָקען. וואָס ווילט איר טוען.

זישע:

מיט יאוש **כ׳בין פאַרפאַלען!** כ׳דאַרף יעצט שוין נישטמער צולעבען, אויף דער וועלט! כ׳גיי מיך שיסען, הענגען, דערטרינקען אין אַ קאַלט וואַסער און — אַ סוף צו מיין לעבען! — וויל אַרויסגייען.

העלענע:

פאַרהאַלט אים. באַרוהיגט אייך, ה׳ באַראָן —

זישע:

מיט געמאַלסען פאַטאָס. גאָרנישט! קיינער ועט מיר שוין נישט העלפען! כ׳בין פאַרפאַלען! — רופט אויס זיי גליקליך!! מיר זעהען זיך, ס׳לעצטע מאָל! גייט אַרויס, קומט באַלד צוריק, כאַפּט אַרויס פון טאַש אַ פּראָשעק, גיט אים קונציג אַ שיט אַריין אין אַ גלאָז פול וואַסער האָס שטייט אויפ׳ן טיש, טרינקט עס שנעל אויס, פאַלט אויף דר׳ערד מיט אַנ׳אויסגעשריי — ער חלש׳ט.

העלענע:

אין שרעק, לויפט צו דער טיר. געוואַלט! מענטשען, העלפט! —

זישע:

מיט אַ געבראָכענער שטים. שריי נישט מיין געליבטע, רוף נישט צוזאַמען מענטשען אויף הילף. נעם און באַדעק מיין קאַלטען שטערען, מיט הייסע קוש — לאָמיך שטאַרבען, אין דיינע אומאַרמונגען — —

אַרנאָלד:

קומט אַריין.

זיבענטע סצענע

די פריהעריגע — אַרנאָלד.

אַרנאָלד:

אין טיר. העלענע, צי האָסטו מיך גערופען.

העלענע:

אין דער גרעסטער צוטראָגענקייט. פאָטער, קום שנעלער אַהער. דער ה׳באַראָן, איז אַוועקגעפאַלען אין חלשות.

אַרנאָלד:

לאָזט זיך צו אים. שוויַיגסטו. ערשט יעצט האָסטו דיך דערמאַנט, מיך צורופען..?! עי, ביזט נישט קיין לייט, מיין טאָכטער! אַ שאָד, די מיה און ס׳געלט, וואָס כ׳האָב אויף דיר געלייגט! לויפט צו, קוקט דערשראָקען אויף אים, פארעט זיך. וואָס איז אייך, ה׳ באַראָן. וואָס איז געשעהען?

זישע:

שיואך. מיר איז אַזוי קאַלט... ס׳שוידערט מיך... ווי פאר זיך. כ׳האָב מורא, כ׳קען מיך נאָך דאָ דער קיהלען. — מאכט־זיך ציטערן, פארגלייזט די אויגען.

אַרנאָלד:

אן א זייט. אַזאַ מענטש, קען צווישען יאָ און ניין — אויסהויכען די נשמה. העכער. כ׳וועל לויפען נאָך אַ דאָקטאָר, אַריינרופען אַ פּאָר פרעמדע מענטשען, זיי זאָלען כאָטש דערבאַ דאָ זיין... ס׳קען נאָך אין אַ ווײַלע אַרום, חלילה וחס, שוין זיין צו שפעט. אין אייל ג ש. העלענע, געב נאָר

אַכטונג אויף אים. זאָלסט אים אָפּהיטען — ווי ס׳שוואַרצע אַפּעל פון אויג... לויפט אַרויס.

אַכטע סצענע.

זישע — העלענע

העלענע:

גייט־צו, גלעט אים איבער די האָר, ליבליך. ווי פיהלט איר אייך, ה׳ באַראָן. איז שוין אייך אַביסעל בעסער—

זישע:

עפענט די אויגען אַ דאָס ביזט דו, מיין טייערע. נאָך א ייל: זעהסט, ווי ווייט כ׳האָב פאַר דיר געשטרעקט מיין לעבען, מיך מקריב געוועזען: כ׳בין שיער צוליב דיר פון דער וועלט נישט געגאַנגען... העלענע הייבט אים אויף, פירט פאמעליך צו אַ שטול, זעצט אים אַנידער, זי לויפט צום פענצטער עפענט עס שנעל, שטייט און קוקט אים מוטערליך אין די אויגען אריין, ער רעדט ווייטער. וועסט אודאי מיך שפעטער פאַרשטויסען פון דיר, מיך נויטען ווייטער צו אַזאַ שריט...

העלענע:

צארט. ביין. דאָס וועט שוין מער נישט געשעהען.— מיט פייער כ׳וועל דיר פאַרלייכטערען דיין לעבען: ווי די שטילע טייבעלעך אין זייערע נעסטען, שטענדיג אזוי וועלען מיר זיין——

זישע:

צופרידען. זאָלסטו געדענקען. וואָס ד׳האָסט מיר צוגעזאָגט, מיין טייערע. דריקט זיך צו איר, שעפטשעט. אַך,

מיין גליק! מיין איינציגע פרייד, אינ׳ם לעבען! שליסט זי

איין אין זיינע ארעמס, אומארמונג.

פ י ז ע.

מ׳הערט א געלויף, פ׳געטאפעריי פון א סך אנקימענדיגע מענטשען און פארשידענע קולות, אט רעדען צווישען זיך. ביידע שפריגגען אויף דערשראקען, באפרייען זיך פון די ארעמס. העלענע מאכט אן א זייט צורעכט די האר און טואלעטע, זיידע שטייט בלאס און ציטערט פאר דערפרעגונג. דער ערשטער לויפט אריין ארנאלד, דערזעהענדיג זיידע׳ן ווענט ער אויס שטיל.

ארנאלד:

שרייט ארויס פון דער טיר. איר קענט שוין, צוריקגייען,

א ד א נ ק. מאכט מיט די הענט, גייט אוועק פון דער טיר.

מארקוס:

קומט אריין.

פעליקס:

קומט אריין פון דער ביליארד-שטוב, לאזט זיך אראב פון די טרעפען.

אכטע סצענע

די פריהעריגע - ארנאלד - מארקוס פעליקס

פעליקס:

אריינקומענדיג. ס׳איז א רעש, א געפילדער — ס׳טומיאלט זיך אין קאווע-הויז: א באראן איז אוועקגעפאלען אין חלשות... לא׳מיך אים אנקוקען, מיט מיינע ליכטיגע אויגען. אפשר ק ע ן איך גאר אים? קוקט אר ם זיך, ווכט אין אלע זייטען.

אַרנאָלד:

גלייכגילטיג. ה׳ באַראָן, איז אייך שוין אַביסעל בעסער. ווי פיהלט איר אייך? גוט! *לאַכט הארציג.*

זישע:

נישקשה.

פעליקס:

אָן אַ זייט. אַ שיינער באַראָן... כאַ-כאַ-כאַ! ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל מיטלאַכען. *העכער.* ער איז: אַ באַראָן פון שחט-הויז. *לאַכט ציניש.*

מאַרקוס:

גייט צו אים שטיל. מאַך אַ שווייג. אויב נישט, ווערסטו אונז ביידע, נאָך פאַרשיטען.

אַרנאָלד:

נייגעריג. ווער איז דער? איר קענט אים, ה׳ גראַף?..

מאַרקוס:

שטאַמעלט. דאָס איז... מיינער... *פעסט.* כ׳קען אים נישט. כ׳זעה אַזאַ פאַרשוין, ס׳ערשטע מאָל, אין מיין לעבען.

פעליקס:

פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער. מ׳האָט גוט צוטיילט, די כּבודים: דער איז אַ גראַף, יענער אַ באַראָן... כאַ-כאַ-כאַ!

אַרנאָלד:

אויפגעעגט. ווער איז׳ס דער פאַרשוין?.. דער ציניקער?.. *צו מאַרקוס׳ן.* זאָגט אים — ר׳זאָל אַרויסגייען.

מאַרקוס:

שווייגט.

פעליקס:

גייט צו. כ'זעה, איר זענט מיאוס אַריינגעפאַלען בײַ זיי, ר' יוד!

אַרנאָלד:

מיט בלאָנדזשענדיגע בליקען ארום זיך. ווע מען, מיינט ער?

פעליקס:

ענטפערט. בישט מיך —

אַלע:

קוקען זיך איבער פאַרווינדערט.

פעליקס:

הויך. זיי האָבען דאָ מיט אייך פאַרקאָכט אַ קאַשע, ווי ס'פּאַסט פאַר אַזעלכע צוויי פייגעל, ווי זיי זענען. —

אַרנאָלד:

דערשלאָגען. וואָס הייסט?..

פעליקס:

נאָך א ווײַלע זיי האָבען זייערע ראָלען שיין געשפּילט אָבער...

אַרנאָלד:

האַט פארשטאַנען. זענען זיי עס בישט.

פעליקס:

שווייגט.

ביידע:

מארקוס און זישע ווינקען צו אים ער זאָל שווייגען.

פעליקס:

מיט אמאָל. כ'האָב דעם כבוד זיי פאָרצושטעלען, פאַר אייך: לעבּ־קינדער, דאָן זשואַנען, אַפּעריסטען — דאָס זענען זיי...

אַרנאָלד:

ווי פון א דונער געטראָפען. וואָ—ס? איז'ס אמת?!..

פעליקס:

ווייזט אויף זיי. אָט, שטייען די תכשיטים פאַר אייך און איר קענט זיי פרעגען: צי כ'האָב כאָטש מגזם געווען, אפילו אַ וואָרט וועגען זיי. — לאַכט ציניש.

מאַרקוס און זישע:

האָבען באַ די לעצטע ווערטער אָנגעהויבען אַלץ נענטער צו רוקען זיך צו דער טיר, ביידע פאַרשווינדען שטילערהייט אַרויס פון זאַל. קיינער האָט'ס נישט דערזעהן, פעליקס אויך נישט. קורצע פויזע. —

פעליקס:

סאַרקאַסטיש. כ'האָב געזעהען אַ מענטש איז אַריין אין אַ זומפּ און ער זינקט — האָב איך געוואָלט אים אַרויסהעלפען. אָבער... זיי זענען פאַרלוירענע מענטשען. זייער לעבען איז די קוידער־וועלט, ווי געבענטשט דאָרט נישט געטאָגט: שטענדיג געהוליעט, געלעבט, לוסטיג פאַרטריבען די צייט... אַלץ איז כשר, ס'ווערט נישט איבערגעקליבען: אַבי פריילעך זיין... אין יעדער חברותא פיהלט מען זיך גוט: זיי זענען שטענדיג אַרומגערינגעלט פון די נידריגסטע בריאום, טונקעלע נפשות דרייען זיך אַרום צווישען זיי

און ווערען אָפּט אַריינגעצויגען אין פינסטערע וועגען... זיי זינקען, וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און - פאַלען... א מאך מיט דער האנט. זייער לעבען, איז: כסדר צו טרינקען שטאַרקען בראָנפען... כע-כע! גייט ארויס.

ג ר ו י ס ע פ ו י ז ע.

נײנטע סצענע
אַרנאָלד — העלענע.

אַרנאָלד:

לויפט איבער דער שטוב הין און צוריק שיאַרק אויפגערעגט, שטעלט זיך אויף א ווײלע אב, באלד לויפט ער ווייטער, רייט ווי נישט מיט זיין קול. יונ—גאַ—טשעס! שניע—קעס! פארהינדערט. אַפּעריסטען, גאָר... נאך א ווײלע. כ'מעלד עס באַלד, אין דער פּאָליציי. איר וועט שוין די שיין, פון דער מאָרגענדיגער זון, נישט אָנקוקען: איר וועט פוילען אין אַ פינצטערע קאַמער. — כ'האָב שוין גרעסערע וואָילע-יונגען אויסגעלערנט דרך ארץ און, אַ דאַנק מיר—לופטערען זיי זיך יעצט, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט... איר וועט שוין וויסען, ווער כ'בין, שלעפט ארויס דעם טייסטער. קעלנער! כ'צאָל! —

אַרנאָלד:

נישט געדולדיג. ער קומט נישט? כ'בין נישט מחויב צו וואַרטען. נאך א ווײלע. כ'וועל אים אַ צווייט מאָל בּאַצאָלען. כ'בין דאָך נישט קיין אַנטלאָפענער — מ'קען מיך אין שטאָט: יעדענמ'ס געלט איז בּאַ מיר זיכערער,

ווי באַ יענעם אַליין. צו איר. קום, העלענע. אַ שאָד די
צייט. — ווארפט אַרויף אויף זיך אין איילעניש דעם פּאַלטע אין חוט,
חזר'ט איבער. פּאָליצײ! איר וועט שוין נאָכאַמאָל וויסען,
ווי אויפצופירען געגען אַ פיינעם איידעלען מענטש! כ'וועל
שוין אייך אָנלערנען — די פרשה בלק! — לאָזט זיך אין דער
גרעסטער אויפרעגונג צו דער טיר, וויל באהאלטען דעם פּיסטער, ער
פאַלט אים נישט באמערקטערהייט אַרויס פון האנט, בלייבט ליגען אויף
דר'ערד. ער לויפט אָב, נאָך אים העלענע.

ארנאָלד:

פּאָ—לי—צײ! פּאָ—לי—צײ!
זיין קול פון אונטער די קוליסען.
מ'הערט נאָך לאַנג זיין רופען, ביז עס פארשווייגט.

מארקוס און זישע:

קומען אריין.

צענטע סצענע

מאַרקוס — זישע.

מאַרקוס:

מאכט חוזק. דו האָסט געהערט, ווי דער אַלטער תּרח
האָט דאָ געהיצט זיך: געמאַכט מיט די הענט אין דער לופט...

זישע:

כאַפּט אונטער. ר'האָט אויסגעזעהען, ווי אַ גאַנז וואָס
האַלט אין פליהען.

מארקוס:

קען קוים איינהאלטען זיך פון געלעכטער. ס'פּנים זיינס איז
רויט געווען, ווי פייער.

זישע:

אַ שוועבעלע, האָט מען געקענט אָנרייבען דערין —

ביידע:

ברעכען אויס אין אַ הילכיג געלעכטער.

מאַרקוס:

נאָך אַ ווײלע. ער וועט די זאַך אָנמעלדען, אין דער פּאָליציי?

זישע:

גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. הער אים, ווי דעם נעכטיגען טאָג אָדער, פאַר אַ יאָריגען שניי —

ביידע:

לאַכען.

זישע:

האָט דערזעהען דעם טייכטער, הייבט אים אויף. זעה נאָר׳ ר׳האָט דאָך איבערגעלאָזט זיין גאַנצען פּאָרטעפעל: פול מיט כסף...

מאַרקוס:

איראָניש. ס׳וועט בּאַ אונז נישט פאַרפערמדט ווערען. מיר וועלען עס פאַרנוצען אויף איידעלערע צוועקען, ווי ער האָט געמיינט.

זישע:

ציילט דאָס געלט.

פּויזע.

מאַרקוס:

בייז כ׳וועל דעם יאַט געבען אַ לעקציע, אַז ר׳וועט מיך לאַנג נישט קענען פאַרגעסען.

זישע:

וועמען?

פֿעליקס:

קומט אַריין, נאָך אים דאָס זיסע מיידעל.

עלפטע סצענע

די פריהעריגע — פעליקס — דאָס זיסע מיידעל.

דאָס זיסע מיידעל:

בלייבט שטייען אויף דער שוועל, מורמעלט. איר האָט געזאָגט, אַז ס'איז קיינער נישטאָ —

פֿעליקס:

אין פארלעגענהייט. ס'איז דאָך אַזוי.

דאָס זיסע מיידעל

ציהט זיך צוריק. כ'וויל נישט, אַז מ'זאָל מיך דאָ געהען מיט אייך. חיל גייען.

פעליקס:

שטאמעלט אָבער... זיי וועלען... באַלד אַרויסגייען... ביטרע. ס'זענען דאָך אַלץ היימישע מענטשען, מיינע גוטע ברידער: כ'האָב פאַר זיי קיין מורא נישט... זיי וועלען אונז נישט שטערען...

דאָס זיסע מיידעל:

אביסעל דרייסטער. כ'האָב דאָ עלטערען און מוז דאַריבער מיך שטאַרק היטען... מ'שפּיאָנירט מיר נאָך... ביטער. בייזע צינגער טראָגען באַלד פּליאָטקעס אויף מיר... כ'לייד שטאַרק, פון זיי... זיפצט אין דער שטיל.

פעליקס:

כ׳פארשטיי. *נאר א ווײלע* דאָ איז אַזוי שטיל און ליב. ווען מיר בלייבען אַליין, איז דאָך אַזוי גוט.

דאָס זיסע מײדעל:

פלוצלינג. כ׳בלייב, נאָר נישט אויף לאַנג. כ׳מוז אין אַ האַלבע שעה אַרום, דורכאויס אַוועקגייען פון דאַנען —

פעליקס:

אירָאָניש. ביז דאַמאָלס קענען מיר ביידע נאָך האָבען, גאַנץ גוטע מינוטען. *קוקט אויף איר שעלמיש.*

דאָס זיסע מײדעל:

פארשעמט. אמת.

ביידע:

לאכען צופרידען.

פעליקס:

מיט הנאה. איר האָט אודאי באַלד אַ ראַנדעוואו.

דאָס זיסע מײדעל:

רעגט־זיך־אויף לייכט. איר מיינט, אַז כ׳בין איינע פון יענע, וואָס האָבען ליב אָפט צו פאַרברענגען מיט פרעמדע מענער...

פעליקס:

ביטרע מיין ווינדערט, פון וואַנען קומט איר צו אַזאַ לעבען —

דאָס זיסע מײדעל:

לאָזט אראָב ד׳אויגען פארשעמט.

שווייגען.

דאָס זיסע מיידעל:

פארטרוימדיג. ערשט נעכטען צופעליג באַקאַנט געוואָרען און היינט — כאַ־כאַ־כאַ!

פעליקס:

דער צופאַל גיט גליק.

דאָס זיסע מיידעל:

נאַיוו. יאָ, כי־כי־כי! לאַכט.

מאַרקוס:

צו זישע'ן. ער האָט געפּאַקט אַ יאַלאָוועקע און פירט זי צו דער שחיטה־באַנק.

זישע:

גיפטיג. מ'דאַרף אים אָבטוען אויף טערקיש. אָבשלאָגען דעם שאַנס.

מאַרקוס:

קוקט אויף איר מיט שטעכיגע בליקען. אַזוי זאָל יאַך לעבען מיט איר צוזאַמען... ביזט גערעכט. שטייט אויף.

פויזע.

דאָס זיסע מיידעל:

דערזעהט מאַרקוס'ן. לויפט צו צו אים מיט פרייד. וואָס טוט איר גאָר דאָ?

מאַרקוס:

קאַלט. כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט דאָ אַריין... באַקוקט זי. וואָס מאַכט איר?..

דאָס זיסע מיידעל:

אַ דאַנק. — נאָך אַ ווייל. מיר טרעפען זיך אַזוי זעלטען,

כ׳האָב שוין עטליכע מאָל געוואָלט אייך זעהען און נישט געהאַט די געלעגענהייט.

מאַרקוס:

זענען מיר דאָך יעצט צוזאַמען —

דאָס זיסע מיידעל:

דערשלאָגען. איר האָט מיך שוין, פאַרגעסען?

מאַרקוס:

מיך פאַרדריסט אויף אייך...

דאָס זיסע מיידעל:

פאַרוואָס?

מאַרקוס:

שווייגט.

דאָס זיסע מיידעל:

צארט. כ׳בין אַמאָל געווען אַ שטילע, אַ גאַיווע...
כ׳האָב פאַרגעטערט אייך... און דערפאַר —

מאַרקוס:

גיפטיג. איר זענט אָבער יעצט נידריג געפאַלען. ר׳קלויבט שוין גאָרנישט איבער: זוכט נישט די געקליבענע געזעלשאַפט, נאָר גיט אייך אָב מיט יעדען איינציגען...

דאָס זיסע מיידעל:

?..

מאַרקוס:

גראָב איר גייט מיט אים —

דאָס זיסע מיידעל:

שטיל. מיט וועמען?..

מאַרקוס:

מיט אמאָל. ער האָט אייך באַליידיגט... ווייזט אויף פעליקס'ן.

דאָס זיסע מיידעל:

פארווינדערט מיך?..

מאַרקוס:

ר'האָט אויסגערעדט אויף אייך... די נידריגסטע ווערטער.

דאָס זיסע מיידעל:

שרייט-אויס מיט ווייטאָג. ווי האָט ער געהאַט די חוצפה?

פעליקס:

שפרינגט אויף. ווען איז'ס געווען.

מאַרקוס:

סאַרקאַסטיש. ער האָט דערציילט, אַז אויפ'ן באַל איז קיינער צוגעשטאַנען צו אייך, אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און שטאַרק געקושט. שפּעטער האָט איר יענעם באַליידיגט — יענער איז אויפגערעגט געוואָרען און אייך דערלאַנגט אין פּנים אַריין... לאַכט ציניש.

פעליקס:

קאַלט. כ'האָב געזאָגט, אָבער...

דאָס זיסע מיידעל:

צולאַכט זיך. כאַ-כאַ-כאַ! מיר פּאַסט נישט אפילו צו רעדען מיט אייך... איר זענט —

פעליקס:

לאַכענדיג. ס'איז געווען פּונקט פאַרקערט.

דאָס זיסע מיידעל:

גיפּסיג. ס'איז אייך אַלע מענער ווייניג צו גלויבען,
איר זענט פאַרענטפערט: כ'וויל אייך מער נישט קענען...
קומט! נעמט מארקוס'ן געאָרעמט, וויל ארויסגייען.

מאַרקוס:

ביטרע כ'וויל, מיר זאָלען דאָ נאָך אַביסעל
פאַרברענגען —

דאָס זיסע מיידעל:

אויפגעלעבט. גוט. נאָר ער זאָל דערבאַ נישט-זיין

מאַרקוס:

אודאי נישט.

זישע:

איראָניש. ער געהער נישט צו אונזער אַקציע. ער קען
שלאָפען אַליין, אויף דער האַרטער פּויסט...

אלע:

לאַכען.

מאַרקוס:

מיט פייערליך אין ד'אויגען. אפשר, זאָלען מיר מאַכען
אַ באַל אין דערהיים.

זישע:

אַ גוטער איינפאַל —

דאָס זיסע מיידעל:

שעלמיש. וואָס איז מיר אַנ'אונטערשיד דאָ, דאָרט:
אַבי חי-געלעבט, געהוליעט און לוסטיג פאַרברענגט די
צייט...

מארקוס און זישע:

וואַרפען אַרויף אויף=זיך די פּאַלטעוס און הוט, נעמען געאָרעמט. דאָס זיסע מיידעל, האַנט בּאַ האַנט, אַלע דריי גייען צו דער טיר.

מאַרקוס:

אַרויסגייענדיג. איינמאָל, לעבּט דער מענטש אויף דער וועלט —

זישע:

כּאַפּט אונטער. איינמאָל, איז ער יונג.

דאָס זיסע מיידעל:

שרייט זיי איבּער. הו—ראַ! זאָל רוישען אונזער לעבּען! —

אַלע:

גייען אַרויס.

פ ו י ר ה אַ נ ג.

וואַיל-יונגערישע אויסדריקען.

בגלופין — שכור
טאָקען — געבען
אַנ'אויג — בייז
די רייף — די גראַנדע
פאַרדינט — געפאַקט
וויטשטאָק — פרייער
מ'לאַווירט — מ'ציהט אָן
ס פינעפטעל — די האַנט
אָנגעצויגען — נייגעריג
פאַרוואָרפען — אָבגעטועז
קעש, באַש — געלט
די שציערקע — קעלנער
פייף איך אָן אוואַלס — אָגפייפען, אָנועצען.
כ'וועה אַ האָז — כ'מאַך פליטה
ווידערשפעניגען — ווידערזעהען.
כ'האַלט פון דיר — דו געפעלסט מיר.
אָהן אַ שטאָך אַרבעט — ליידיג
תרתים — מענער וואָס ווערען נתפעל פאַר אַ קליידעל
משא-מתן, קראַפט, נומער — מיידעל
אויסשחור'ן, פאַרשיטען — אויסגעבען

געוויקעלט — געטאַנצט

אַ יאַלאָוועקע — כשר בהמה׳לע

טיפֿע דרכים — אַזויך ענין

אויף טערקיש — אַ שפּיצעל

איינגעפּרוּווירען — פֿאַרפֿאַלען

געבען אַ לעקציע — אָנלערנען

אויפ׳ן גאַנצען זיכער — אויפ׳ס כח

אָבשלאָגען דעם שאַנס צונעמען דאָס משא ומתן.

די פֿריי זאל מיר אַזוי דינען | אַזוי זאָל מיר גליקען אין מיינע געשעפטען